(c) Copyright 2000 Artists For Israel International
שמעון כיפא 1

1 פון כיפא א שליח פון ישוע המשיח צו ג-טס אויסגעוועלטע לייט ווינענדיק
אלס פרעמדע אין גלות-אין פונטוס,גאלעטיא,קאפאדוסיא,דער מדינה פון אסיא,און
ביטיניא.
2 אויסגעוועלט לויט ג-ט,דער פאטערסס, פאראויסוויסן און אגעזונדערט דורכן
רוח צו הארכן ישוע המשיח און ווערן געשפריצט מיט זיין בלוט.חסד און שלום
זאל זיין אייערע בשלמות.
3 געלויבט צו ג-ט פאטער פון אונדזער האר ישוע המשיח ווער האט אונדז,לויט
זיין גרויסער רחמנות,גורם געווען,דאך ישועס תחית המתים)אויפשטיין פון טויט(
צו געבוירן ווערן מחדש מיט א לעבעדיקע תקוה)האפאנונג(.
4 פאר א ירושה אין הימעל וואס קען נישט פארפוילט ווערען,קאליע ווערן,און
וואספאר א ירושה אין הימעל וואס קען נישט פארפוילט ווערען,קאליע ווערן,און
וואס פארוולקט נישט.

5 ווער זיינן אפגעהיט דורך ג-טס כח לויט די אמונה אין דער ישוע וואס איז
גרייט נתגלה ווערן)אנטפלעקט( באחרית הימים.
6 דער מיט איר פרייען זיך זייער הגם איר זיינן דערוולייל טרויעריק צוליב
א סאך נסיונות.
7 כדי אויספרובירן אייער אמונה וואס איז מער טייער ווי גאלד וואס פארגייט.הגם
עס ווערט פרובירט דאך פייער כדי עס זאל זיין צו א לויב,א זכות, און א כבוד
ווען ישוע המשיח וועט נתגלה ווערן.
8 און נישט אים זייענדיק האבן אייך אים דאך ליב. הגם איר זען אים נישט

יעצט,האבן אייך אמונה און איר פריין זיך מיט א שמחה וואס איז נישט אויסצודערצעלן
און איז פול מיט גלאריא)כבוד(.
9 באקומען אייך דער ציל פון אייער אמונה-ישועה פאר אייערע נשמות.
10 די נביאים ווער האבן נבואה געזאגט וועגן די דאזיגע גרויסער מתנה
פון ישועה פאר אייך אט זיי האבן אריינגעטראכט און געזוכט פלייסיק.
11 זיי האבן פרובירט ארויסצוגעפינן וואס דער רוח הקודש אין זיי האט געצייכנט
וועגן דער צייט און אומשטענדנן פון ישועס יסורים)פיין( און די מוראדיקע
זאכען דערנאך.
12 סאיז נתגלה געווארן צו זיי אז ווען זיי רעדן איבער די ענינים,סאיז
נישט פאר זייער טובה נאר פאר אייך.און די דאזיגער ענינים זיינן צו אייך אנגעזאגט
דאך די ווער האבן איברגעגעבן די בשורה דורכן רוח הקודש פון הימל געשיקט.אפילו
די מלאכים גארן דאס צו וויסן.
13 זייט מחליט צו ארבעטען,האלט אייך קונטרולירט,און האלט אין זינען דער
געשענק וואס איר וועלען באקומען ווען ישוע המשיח וועט נתגלה ווערן.
14 אלס מענטשען וואס הארכן ג-ט,לאסט אייך נישט פורמירט ווערן דורכן יצר
הרע.
15 להיפך גייענדיק נאך דער ווער האט אייך בארופן, זייט הייליג אין אייער
גאנסער לייבענס שטייגער
16 אזוי ווי אין תנ"ך שטייט:

"איר זאלט זיין הייליג ווארום איך בין הייליג"

17 אויב איר רופט צו דער פאטער ווער משפט אפ אלעמען גלייך איר זאלט אייער
צייטווייעלדיק עקסיסטענס בעולם הזה)דער וועלט( פירן מיט פחד.

18 איר זאללן וויסין אז דער פדיון איז נישט געווען פון זילבער אדער גאלד
וואס איז באצאלט פאר אייך כדי אייך צובאפרייען פון דער ווערטלויס לעבן
וואס איר האבן איבערגענומען פון פריעדיקע דורות.
19 סאיז געווען דער טייער בלוט פון משיח אזוי ווי א שעפס אן א פסול.
20 ווער איז באשערט פון פאר דער בריאה און נאר נתגלה געוורן יעצט באחרית
הימים פאר אייערט וועגן.
21 דאך אים איז אמונה אין אויבערשטען ווער האט אים צוריקגעברענקט פון
טויט און האט אים כבוד גענעבן כדי אייער האפונונג זאל זיין אין ג-ט.
22 יעצט אז איר זיינן ריין געווארן דאך הארכען דעם אמת און דעריבער האבן
אייך אייער ברידער באמת ליב און אזוי זאלט איר אויך ליב האבן איינער דעם
צווייטן מיטן גאנסען הארצען.
23 איר זייט ווידער געבוירן נישט פון פארדארבענע זרע נאר פון נישט
פארדארבענע זרע דורך ג-טס ווארט וואס איז אייביק חי וקים.
24 ווארום:

אלע בשר איז אזוי ווי גראז און אלעס פון מענטשליכע כבוד
איז אזוי ווי די בלום פון דער גראז.דער גראז ווערט אויסגעטרוקענט און די
בלום פאלט ארופ אבער דער ווארט פון ג-ט)דבר השם( באשטייט אויפ אייביק.

25דערצו דער דאזיגע ווארט איז די גוטע נייעס)בשורה( וואס איז געדרשענט
צו אייך.

קפיטל 2

1 אלזו באפריי זיך פונאפנאר,צביעות,און קנאה און אלעריי
אופנים פון
בארעדען מענטשען.
2 און זייט אזוי ווי ניי געבוירענע קינדער דורשטריק פאר
ריינע
מיליך פון דאס ווארטעדערמיט וועלען אייך אויפוואקסן אין גאולה.
3 ווייעל איר האבן פארזוכט אז ג-ט איז גוט.
4 ווי איר קומען צו אים דער לייבידיקע שטיין וואס איז
אופגעווארפן
פון מענטשען אבער ערווייאלט ביי ג-ט און איז טייער אין זיין אויגן.
5 אייך אליין אזוי ווי לייבידיקע שטיינר זיינן אריינגעבויט אין
א גייסטליכער הויז צו זיין כהנים אגעזונדערט פאר ג-ט כדי אים
מקריב זיין
רוחניותדיקע קרבות אנגענומן ביי ג-ט דורך ישוע המשיח.
6 אזוי שטייט אין תנ"ך: זע איך לייג אין ציון א
ווינקלשטיין

און דער וואס גלויבט אין אים וועט נישט פארשעמט
ווערן

7 יעצט צו אייך וואס האבן אמונה איז ער טייער אבער צו די
וואס
האבן נישט קיין אמונה אין אים
דער שטיין וועלעכן די בויער האבן פארשטויסן .
דער דאזיקער איז גיווארן צום הויפט פונם ווינקל
8 און ער איז א שטיין פון אנשטויס און א פלז פון שטרויכלונג
זיי ווערן געשטרויכלט אין די ווארט די וואס זיינן בארופן
9 אבער איר זייט אן אויסגעוועלטע פאלק דער מלךס כהנים
א הייליגע
פאלק א פאלק וואס ג-ט זאל קונה זיין.פארוואס?כדי איר זאלען
פרוקלוממירן דער
לויב פון דער וואס האט אייך ארויסגערופן פונם חושך אריין צו זיין
וואנדערליכע
ליכטיקייט.

10 אמאל זייט איר נישט געווען א פאלק אונד יעצט זייט איר ג-טס
פאלק קודם האבן אייך נישט באקומן רחמים אונד יעצט באקומן אייך רחמים.
11 ליבע פריינט איך רעד אייך צו סיי גרים סיי תושבים
נישט זיך איברגעבן נאך די תאוות פון די אלטע נאטור וואס קעמפן קעגען
אייך .

12אבער איר זאללן אפפירן אזא פיינע לעבען פאר די גוים וואס כאטש רעדען
קעגען אייך ווי רשעים,וועלן זיי, צוליב אייערע מעשים טובים ,געבן כבוד צו
ג-ט אויפן טאג פון זיין קומען.
13 פאר ג-טס וועגעו זייט אונטרטעג אלע מענטשליכע מאכט סיי דער קעניג
דער הויפט.
14 סיי די מושלים פון קעניג געשיקט צו שטראפען די שולדיקע און צולויבן
די וואס מאכן דאס וואס איז גוט.
15 ווייעל סאיז ג-טס וויל אז איר דורך מאכן גוטס ,זאללן פארשטילן די דומע
רעד פון פון נארישע לייט.
16 וואפרט זיך אונטער ווי פרייער מענטשען אבער לאסט נישט אייער פרייהייט
זיין א תירוץ פאר מאכן רשעות.בעסער ווארפט זיך אונטר אלס קנעכט פון ג-ט.
17 זייט אלעמען מכבד,האט ליב דער ברודערשאפט,האט מורא פון ג-ט און זייט
דער קעניג מכבד.
18 קנעכט ווארפט זיך אונטער צו אייערע בעלי בתים)הארן( זיי ווייזענדיק
פולע רעספעקט-נישט נאר פאר די וואס זיינען גוט און פיין אבער אויך די ווער
זיינן שווער
19 סאיז א חסד ווען איינער טראכטנדיק פון ג-ט,איז סובל דער

ווייטיג פון
אן עונש נישט פארדינט.
20 וואס איז די מעלה פון ליידן אנשלאגען צו ווערן פאר עפעס אנפארדינט.אבער
ווען אייר ליידן אן עונש,אפילו איר זייט אומשולדיק,ג-ט זעיט דאס אן פאר א
חסד.
21 טאקא צוליב דעם זייט איר בארופן ווייעל דער משיח האט אויך געליטן פאר
אייך.איבערלאזנדיק א ביישפיל כדי איר זאללן גיין אין זיין דרךף:
22 ער האט נישט געטאן קיין עוולה און נישט איז געפונן געווארן קיין פאלשקייט אין זיין מויל.
23 ווען ער איז געזידלט געווארן האט ער נישט צוריק געזידלט און ווען ער
האט געליטן האט ער נישט געדראט נאר איבערגעלאזט אלעס צו דער וואס משפט בצדק.
24 ער אליין האט געטראגן אונדזער זינד אויף זייך קערפער אויפן צלב)קרויטס(כדי
מיר זאללן שטארבן צו עבירות און לעבן בצדק.דורך זיינע וואנדין זיינן מיר
אויסגעהעלט
25 איר זייט געווען אזוי ווי די שאף וואס האבן פארבלאנזעט אבער יעצט איר
האבן זיך צוריקגעקערט צום פאסטוך און משגיח פון אייערע נשמות.

קאפיטל 3

1. אין דער זעלבע ווייז פרויען זייט אונטרטענעג אייער מענער אפילו א טייל
פון זיי גלויבן נישט די בשורה זיי וועלן ווערן איברגעצייגט דורך אייערע אופפיר
אן אייער רעדען בכלל.
2. ווי זיי קוקן אן אייערע בכבודיק און ריינע הנהגה.
3. אייערער שיינקייט זאל נישט זיין אופהענגיק אין דרויסנדיקע זאכן ווי
געצאצקטע פריזור,גאלדענע צירונג,אדער וואסארא קליידער
4. .בעסער זאל עס זיין דער אינליכער טבע פון הארצעם מיט דער

אונפאדורבליכע
ציל פון א צארטליכע אונד שטילע גייסט.
5. אזוי האבן די ערשטע נשים צדקניות)הייליגע ווייבער(ווער האבן אויף ג-ט
גהאפט זיך אויסגעפוצט און צו זייערע מענער זיך אונטרטעניקט.
6. אזוי ווי שרה אמנו האט אברהם געהארכט און אים ערליך געהאלטן ווי איערע
האר.איר זייט איערע טעכטער ווען אייך מאכן וואסאיר זאללן אלע זיין איז גערעכט
און האבן קיין מורא נישט.
7. אין דער זעלבע ווייז אייך מענער זאללן וווינן מיט זיי מיט רעספעקט;געב
כבוד די פרוי הגם זי איז שוואכער פיסיש זייט איר יורשים צוזאמען אין דעם חסד
פון לעבען.כדי אייערע תפילות זאל נישט ווערן געשטערט.
8. יעצט צום סוף איר זאללן אלע זיין מיט איין דעה און איין געפיל.האט
ליב איינער דעם צווייטן וויברידער און זיי בעלי רחמים און ניכנעים.
9. נישט באצאלן רשעות )שלעכטס( מיט רשעות אדער א זידלווארט מיט א זידלווארט.
אבער להיפך מיט א ברכה.ווייעל דעריבר זייט איר בארופן כדי איר זאללן מקבל
זיין א ברכה.
10. ווארום:ווער עס וויל לקיב האבן דאס לעבן און זעען גוטע טעגזאו ער אופהאלטן
זיין צונג פון בייז,און זיינע לעפצן פון רעדן פאלשקייט.
11. זאל ער זיך אפנייגן פון שלעכטס און טוהאן גוטס זאל ערזוכן שלום
און אים נאכיאגן.
12. ווייל די אויגן פון דעם האר זענען אויפ די צדיקים און זיינע אויערן
צו זייער געבעט. דאס פנים אבער פון דעם האר איז קעגן די וואס טוהאן בייז)תהילים
ל״ד י״ב-י״ז(
13. ווער קען אייך שאטן ווען איר ווערט קנאים פאר גוטס.
14. אפילו איר ללײדן פאר יושר זייט איר געבענטשט.האט אייך נישט קיין
מורא אדער התפעלות.

15. הייליק דעם האר ג-ט אין הארצען און זייט גרייט אלעמאל ענטפערן צו
אלע וואס פרעגעו אייך א סיבה פון אייער האפנינג מיט ענווה און פחד.
16. האב א גוטן געוויסן ווען זיי בארעדן אייך אז איר זייט רשעים. אז זיי
וועלן פארשעמט ווערן ווייל זיי באשולדיקן אייך פאלש אייער גוטער אויפפיר.
17. סאיז פיל בעסער ווען סאיז ג-טס וויל איר זאללן ליידן פאר טוהאן גוטס
ווי פאר טוהאן שלעכטס.
18. ווייל ישוע האט אויך געליטן פאר עבירות,דער אומשולדיקער פאר די שולדיקע.כדי
ער זאל אונדז ברענגן צו ג-טעער איסט געהרגט געווארן פיסיש אבער דורכן רוח
הקודש ווידער געלעבט.
19. דערמיט איז ער געגאנגן און געדרשנט צו די אלע פארשקלפטע רוחות.
20. צו די אלע וואס האבן נישט געפאלקט ווען ג-ט רער קל רחמים אאט זיי
געווארט אין די צייט פון נח אלס ווייל דער תיבה איז אונגעגרייט געווארן.און
דערין איז געראטאוויט געווארן אכט נפשות פונם וואסער.
21. אין א זעלבע וויז טבילה ראטאוועט אונדז)סאיז נישט דער רייניגען
פון פיסישע שמוטס אבער דער האלטן א גוטע געוויסן צו ג-ט. דורכן תחית המתים
פון ישוע המשיח.
22. ווער איז אריינגעגאנגן אין הימעל און זיטס אויפן רעכטע האנט פון ג-ט:מלאכים
און אלע ממשלות און מאכטן זיינן געווארן אונטרטעניג צו אים.

## קפיטיל 4

1. דערפאר דער משיח האט פיזיש געליטן פאר אונזעט וועגן
אזוי זאלט איר זיך באוואפענעןמיט דער זעלבע מחשבה ווייל דער

וואס האט געליטן
אין לייב האט אופגעהרט זינדיקן.
2. ער זאל מער נישט לעבן די רעשט פון זיין צייט אין קערפער צו מענטשליכע
תאוות נאר צו ג-טס ווילן.
3. איר האבן געלעבט גענוק ווי די גויםס ווילן דעמאלצט ווען מיר זיינן
געגאנגן זנות,תאוות,שיכרות,הוליארי,פרעסעריי,און עקלדיקע עבודה זרה.
4. זיי מיינן סאיז מאדענע וואס איר לויפט זיי  נישט נאך אין אויסגעלאסנהייט
און זיי רעדן  רכילות אויף אייך.
5. זיי וועלן דארפן דין וחשבון געבן צו דער וואס משפט סיי לעבידיקע
און סיי טויטע.
6. דעריבר די בשורה איז אנגעזאגט געווארן צו די מתים כדי זיי זאלן געמשפט
ווערן אין לייב  ווי לעבעדיקע מענטשען אבער  לעבען אינם גייסט לויט ג-ט.
7. דער קץ)ענדע( פאר  אלעם איז נאנט דעריבער זייט וואך מתפלל צו זיין.

8. קודם כל זאלט איר שטארק   ליב האבן איינם דעם צווייטן ווייל ליבשאפט
פארדעקט א סאך זינד.
9. זייט מכניס אורח איינם דעם אנדערען אן צו באקלאגן.
10. אזוי ווי איינע האט א  מתנה באקומן אזוי זאל ער  דערמיט אן אנדערע
באדינן אזוי ווי גוטע פארוואנדלן פון ג-טס חסד.
11. אויב איינער רעט זאל עס זיין ג-טס ווערטער און אויב איינער באדינט
זאל עס זיין מיט דער כח ג-ט שענקט:כדי ג-ט אין אלעם זאל געלויבט ווערן
דורך ישוע המשיח  צום וועמען זאל זיין כבוד ועוז)מאכט(לעולם ועד. אמן
12. ליבע פריינד ואנדרט זיך  נישט איבער דעם שווערע נסיון וואס איז
אייך אויסצופרוון ווי א פרעמדע זאך וואס האט צו אייך געשען.

13. אבער פרייט זיך וואס איר טיילן זיך איין מיטן יסורים)לייד(פון
ישוע המשיח:וועו זיין כבוד וועט זיין אנטפלעקט וועט איר זיך זייער פרייען.

14. אויב איר זייט געזידלט ווייל איר טראגט דער משיחס נאמען,ווייל
איז אייך ווייל די גייסט פון כבוד און פון ג-ט רוט אויף אייך.זיי רעדען שלעכטס
אויף אים אבער פאר אייערט וועגען איז ער געלויבט.

15. קיינער פון אייך זאל זיין א רוצח,א גנב,א רשע, אדער אריינמישן
ביי יענעם.

16. אויב עמיצער לייד ווייל ער איז משיחי)א נאכפאלגער פון משיח(
זאל ער נישט פארשעמט ווערן:זאל ער בעסער לויבן ג-ט צוליב דעם.

17. סאיז שוין געקומן די צייט ווען משפט זאל אנפאנגען ביי ג-טס הויז.אויב
עס פאנגט אן ביי אונדז וואס וועט זיין דער סוף פון די אלע וואס פאלגען נישט
ג-טס בשורה.

18. אויב דער צדיק ווערט קוים געראטעוועט וואס פאר א סוף וועט דער
רשע און פושע האבן.

19. אלזו דער וואס ליידט לויט ג-טס ווילן זאל פארטרוירן זייערע
נשמות צום בורא עולם און זאל ווייטר טון גוטס.

## קפיטיל 5

1. די זקנים צווישן אייך בין איך מזהיר, איך ווער בין אויך א זקן
און עד אויף די פיין פון דער משיח און אויך אן איינטיילנעמער אין דעם כבוד

וואס וועט זיין אנטפלעקט.
2. פאשעט ג-טס שטאדע צווישן אייך נעמענדיק אחריות נישט געצוואנגענהייט
נאר ברצון נישט פאר אומערליכע געלט נאר מיט ענטוזיאזם.
3. אויך נישט ווי הארען איבער ג-טס ירושות נאר זיי א גוטע ביישפיל
פאר די סטאדע
4. און ווען דער הופט פאסטוך וועט דערזען דעמאלסט וועט איר באקמן
א קרוין פון כבוד וואס פארוועלקט נישט.
5. אזוי יונגרלייט ווארפט זידך אונטער די זקנים.אלע פון אייך זאל
זיין אונטרטעניקט דעם אנדערען און זייט באקליידעט מיט עניוות ווייל ג-ט שטעלט
זיך אקייגן די שטאלצער)בעלי גאווה(אבער די נידריקע)בעלי ענווה(גיט ער חן)משלי
ג:ל"ד(.
6. דערנידריק זיך אונטער ג-טס שטארקע האנד כדי ער זאל אייך דערהייבן
אין געהעריקע צייט.
7. ווארפט אייערע אלע דאגות אויף ג-ט ווייל ער זארגט פאר אייך)תהילים
נ"ה-כ"ב(.
8. זייט ניכטער און וואך ווייל אייער שונא דער שטן איז אזוי ווי א ברומענדיקע
לייב וואס דרייט זיך ארום זוכענדיק וועמען איינצושלינגען.
9. שטעלט זיך אנטקעגן אים פארשטארקט אין אייערע אמונה וויסענדיק אז
אייערע ברידער אין די גאנצע וועלט ליידן אזוי אויך.
10. אבער דער ג-ט פון אלעם חסד ווער האט אונדז גערופן צו זיין אייביקע
כבוד דורך ישוע המשיח.ער אליין וועט אייך
אויפריכטן,אויפשטעלן,און פארשטארקן
און מאכן פעסט.
11. צו אים זיי כבוד און מאכט לעולם ועד-אמן.
12. דורך סילוואנוס וועמען איך האלט פאר א געטרייער ברודער האב איך
אייך בקיצור געשריבן כדי אייך געבנדיק מוט און עדות אז דאס איז

באמת ג-טס
חסד וווהין איר שטייען.
13. די קהילה אין בבל וואס איז מיט אייך צוזאמען ערוועלט שיקן
צוזאמען מיט מיין זון מרקוס א גרוס.
14באגריס איינער דעם אנדערען מיט א קוש פון ליבע.שלום צו די אלע וואס

זיינען אין משיח ישוע-אמן.